STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01443

MOYSHE DREHKOP

F. Bimko

Permanent preservation of this book was made possible
by Mr. & Mrs. William P. Kram
in memory of
Ruth & Morris Kram

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ע. בימקאָ.

משה דרעהקאָפ.

סצענישער מאָנאָלאָג.

וואַרשא 1919

פערזאָנען:

ברוך גרינהאָלץ.

משה דרעהקאָפּ.

ברוך

(זיצט פֿאַר זיך, פֿאַרטיעפֿט אין אַ ספר׳ אַ זיידען קאַפּעל ריפּ׳ן קאָפּ.)

משה

(קומט אַריין): אַ גוטען אָוועגד, ר׳ ברוך! דוכט זיך: כ׳ האָב געטראָפֿען, האַ?.. וואַ... ס׳איז מיר אַ וואונדער, ווי וואוינט עפּיס אַ יוד אין אַזאַ גוי׳שער גאַס?.. איך בין אָנגעקומען צוהער ממש מיט סכּנות נפשות!.. געה... געה... אַ וויסטע לענג פון אַ גאַס, גרויס ווי ס׳גלות! קיין יוד זעהט מען נישט אויף דער טאָג־ליכט! און אפשר יאָ—געה דערקען עס אַזעלכען אין דער צורה: גאָלע מאָרדע! ס׳קומען מיר אַנקעגען גוים מיט אַזעלכע רציחה־דיגע, אָנגעפּרעסטע פּנים׳ער—אַז זיי וואָלטען מיך געקרן איינגע־שלונגען מיט׳ן קוק; איך שטעל מיר איין ס׳לעבען און פרעג ביי וועלכען: וואו וואוינט דאָ אַ יוד, ר׳ ברוך? קוקט מיך יענער אָן

מיט אַ פּאָר בלויע אָנגעהאַקטע אויגן, און שטופּט מיר גלייך אין טרפה'נע צורה מיט די שפּיציגע וואָנסעס אין פּנים אַריין — טפו זאָל עס ווערען! רק — עס שבור'ט... כ'פּערשטעה, אַזוי ווי דאָס בעקומט נאָר דעם ערשטען רובל שכירות, מאַכט עס תיכף מיט איהם אַ שפּאַציר איבער די שענקען, און ס'האָט דערנאָך אַ טענה צו אונז, איהר פאַרשטעהט?..

ר' ברוך

יאָ... יאָ...

משה

וואָלט דאָס געטרונקען ווי אַ ייד טרינקט, אויף אַלע שבת אַ פלעשעלע, און בעזונדער אַ פלעשעלע, ווען דער פעלדשער הייסט מאַכען וועלכען קינדס'איז אַ קאָמפּרעטעל אויף אַ זייטעל, און ס'בלייבט איבער פון ספּירט עפּיס, אַנ' עוקץ, און... אָט דאָס הייסט געטרונקען אַ ביסעל, האַ?.. אַי וועט איהר פרעגען: מה קמשמע לן? וואָס לאָזט מיך דאָ דער פּסוק הערען? וואָס האָב איך מעזהר ווען איך טרינק נישט, און עשו ווייניגער — אַז ער טרינקט יאָ?... נאָר, וואָס פאַר אַ גלייכען?.. שוטים! מילא, איך האָב דאָך טיי־ווי־טיי נישט... אָבער עשו, ווען ס'וואָלט נישט פערטרינקען — וואָלט עס דאָך יאָ געהאַט?.. אַ קלייניגקייט: וואָס מילאָנען זיי בראָקען אַריין אין דעם?.. שמועס מיט זיי — איז דאָס אַ גאַנצער עולם הזה... מ'שטיינס־געזאָגט, וואָס פאַר אַנ'עולם־הזה דאָס קען שוין זיין?.. צוהייבקומען, צודמ'ען, אויס'הרג'נען, ממית'ן ס'ווייב מיט די קינדער, מאַכען אַ תל פון ביסעל בעבי'כעס... און ווען נישט, איז רעכט צו בלייבען ליגען אַ גאַנצע נאַכט אין ריינשטאָק... בע־בע... אַ שען ביסעל עולם הזה, היט מיך אָב, רבונו דעלמא כולה!..

ר' ברוך

זייט זשע מוחל, איהר זענט עפּיס אַהער געקומען מכח אַנ'עבין?...

משה

כּע... איהר וועט מיר מוחל זיין, וואָס כ׳רעד נישט גלייך צו דער זאַך, האָט קיין פּאַראיבּעל נישט — מ׳וועט נאָך רעדען!.. די זאַך, פערשטעהט איהר מיך, איז אַזוי: אַזאַ יוד ווי איך, ווי איהר קוקט איהם אָן פון קאָפּ ביז צו די פיס,—זייט וויסען: האָט אַ גרויסען שלימזל!... אָבער, גאָר אַ גרויסען! און וואו ער געהט, לויפט שוין צו פריהער פאַר איהם דער שלימזל זיינער, און בעגראָבט איטליכעס עסק, איטליכעס געשעפטעל— ניין איי־לען טיעף אין דער אדמה... און ווי שייך, איז ער, דער שלי־מזל מיינער—נישט אריינגעקומען אהער מיט אַ רגע צו פריהער פון פאַר מיר, נאָך איידער איך בין אַהער אריינגעקומען?.. לכן, וויל איך טאַקי נישט רעדען פון גאָר, און זאָל ער נישט מיינען: מ׳ייודע וואָס איך האָב דאָ בדעה אויפצוטון?! אַז ער וועט זעהן: איך בין נישט אויסען קיין שום מסחר׳ל,—וועט ער זיך געהן זיין וועג׳ס, און דענסטמאָל וועלען מיר ערשט זיין זיכער צו קענען רעדען אַ וואָרט, אַז ס׳שטעהט נישט קיינער דערביי, חאָס מאַכט קאַליע...

ר׳ ברוך

יאָ... יאָ...

משה

כּע... פרעגט זיך: ווי אַ נאָך האָב איך אַהערגעטראָפען?.. נאָר, נישט קיין שאלה... אַ יוד גיט זיך אויף אַלעם אַנ׳עצה... אויף חאָס גיט זיך דען אַ יוד נישט קיין עצה?.. געגאַנגען אפילו צופריהער אין אַ שענע פאַר הייזער, אויפגעמאַכט אומזיסט אודאי איבער צוואַנציג טירען, מטריח געווען אַ ביסעל משרתים, יוצר־משרתים—זאָלען זיי ס׳מיר טאַקי מוחל זיין! נאָר דאָס, זעהט איהר, פאַרשטעה איך שוין גאָר נישט!.. ווי האַלט דאָס, כ׳בעט אייך, אַ יוד—ביי זיך אין שטוב, אַ גוי׳ע?.. מילא, אין גאַס בין איך טאַקי ביי זיי אין דער יד, אָבער ביי מיר אין שטוב—בין

אין דאך נישט מחויב צו טהון דאס נאַרישקייט ?.. ליידען הרשות ובישות... אַרויס !

ר׳ ברוך

וואס האט איהר מיט איהר אפּערגעהאט ?..

משה

גאַרנישט ! זי האט מיך ב׳קיין אופן נישט געוואָלט אַריינ־לאָזען !.. כ׳געה אודאי אַזוי אַ רעכטע שעה איבער די שטיגען, גערה־צאַרויף, גערה־אַראָב, ווידעראַמאָל אַרויף און ווידעראַמאָל אַראָב. פערשטערט זיך, כ׳האָב שוין מיט מזל געזעהן אַ מזוזה אויפ׳ן טיר—האָב איך געמיינט: די גאַנצע וועלט איז מיין! איז אויף מיר געקומען די רעכטע גדולה: כ׳בין שוין ביי זיך אין שטוב ? דערוויל, געהערט אַ מעשה ? אַ רשעות פון אַ גוי׳ע, ווי איך עפען שוין אויף די טיר, בנאמנות, ווען כ׳לאָז נישט אַרויס די נאָז באותו רגע פון טיר, בלייבט זי קוועטשען פון יענער זייט !.. דערלאַנגט אַ שאָס... כע, כ׳חייט גאָר נישט, וואס זי האט געקאָנט זעהן אַזעלכעס אין איהר... וואס אַנ׳ערל׳טע קען ?

ר׳ ברוך

(שטעהט אויף)

טאַקי אַ רשעות !... (לאָזט זיך געהן)

משה

וואס ? איהר האט עגמת־נפש—ווערט אַ דרייער !.. איהר מיינט טאַקי ?.. ס׳לוינט זיך צו מאַכען אַ וועזען דערפון !.. וואס ?.. איהר ווילט געהן צו איהר ?.. אויסווייזען אַ גבירת ערות ?.. אַנ׳עבירה !.. אַנ׳מסר׳ן ?.. נישט כדאי !.. איך בין איהר מוחל, מוחל !.. זאָל עס דאָרט נישט קומען אויף איהר חשבון... אַ, מכה דעם פריץ מיינט איהר ?.. כ׳פערשטעה: די נשמה שטעהט אַייך שוין אויפ׳ן שפּיץ־נאָז ?.. הערט: איך בין ביי איהם פאַר׳ן לעצ־טען מאָל געווען, זאָגט ער צו מיר: „וואס איז ס׳געלויף ? ס׳איז

נישט צו כאַפּען מיט דער האַנד! מ'בעקומט היינט שענערע מציאות!" און איך בין אַוועקגעגאַנגען מיט אַן'אָבגעשנייצטע נאָז. אין אַ פּאָר טאָג אַרום בין איך ווייטער ביי איהם; און דרך אַגב ווער איך געוואָהר אין קיך—אַ יוד האָט דאָך אומעטום די נאָז—אַז דער פּריץ איז געווען אויפ'ן הויף... הערט איהר, מיר זאָלען זיך אַלע אויסבעטען אַ פּרנסה טובה פון נייעם יאָהר, ווי כ'האָב געטראָפען. בנאמנות: געטראָפען! אַ יוד טרעפט ב"ה...

ר' ברוך

יאָ. יאָ.

משה

הערט: איך קום אַזוי היינט אַרויף אַ ביסעל צו איהם, מאַך מיך כלא יודע—אַ פיש אין וואַסער; „פּריץ, ווילסט נישט קויפען, וואָס האָסטו יענעם צו פאַרדרעהען אַ קאָפּ? וועל איך דאָס אָבטראָגען אַן'אַנדערען קונה... קאַרג קונים פאַראַן?" אַ גוישער קאָפּ, מיינט ער טאַקי: ס'איז קודש־קדשים!.. אויב איך טראָג מיך אודאי נישט אַרום מיט צעהן אַנדערע פּריצים אין קעשענע... נאָר וואַרט; „ווייסט דאָך—זאָג איך,—אַז איך קוק אויס עפּיס צו פערדינען? און פון דעם וואָס דו אַיילסט זיך נישט, קענען דערוויל ביי מיר אַוועקגעהן פון דער וועלט אַ ווייב מיט זיבען קליינע קינדער, פאַר וועלכע איך וועל זיין עתיד ליתן דין וחשבון אחר מאה ועשרים שנה, און—אויב נישט פריהער?

ר' ברוך

יאָ.. יאָ..

משה

און אַזוי ווי איך רעד, קוק איהם אין מויל אַריין, זעה איך—ווי די גאַנצע צורה זיינע פערקרימט זיך, כ'וועל אייך אַנ־משל'ען; ווי איינער וואָס זאָל אַראָבשלינגען אַ לעבעדיגען ראַק,

װעלכער שפּאַרט זיך און װיל צוריק אַרויסקריכען, כידוע, קריכט דאָך אַ ראַק אונטען־צוריקעט... און ער מאַכט צו מיר, אַרויס־געמענדיג ס׳פּאַפּיר װאו כבודו האָט איהם בעשריבען פּאָדראָבנע אַלע מטלטלים, נכסים, אַרויסלעגענדיג מיר אויפ׳ן האַנד, אחת יאָחת: „צװיי װלאָג װאַלד— אמת; זיבּען הונדערט מאָרג פעלד; יאָ, פאַרװאָס האָט מען נישט אַריינגעשריבען ס׳װאַסר׳ל?.. זאָג איך: „פּריץ, ס׳װאַסער איז טאַקי אויך אַ מעלה... אַ דאָרף אָהן אַ װאַסער, איז װי, להבדיל, אַ פערד אָן אַ נ׳עק... עלעהיי מ׳קען צושטעלען אַ מיהל... אַ קשיא אויף אַ מעשה?" גוט... רעכענט ער מיר װייטער אויס אַ גאַנצען צעטעל שבחים: „די זיבּען הונדערט מאָרג פעלד—מעהר זאַמד װי ערד צום זייען; ס׳טויג אפילו נישט אויף קיין ריבען צו זעצען... און נאָך אַ מאָל: ס׳װאַסערל—פערשטונקען װאַסער... פיש װעלען אויס׳פּגר׳ן... אפילו װערים װעלען זיך נישט דערהאַלטען... פון אַ ראַק איז דאָך אָבּ־גערעדט"... מנע, נאַ דיר אויף מיינע שונאים׳ס פלייצעס—ראַקעס! אַ מאַכּל—ראַקעס!

ר׳ ברוך

הכלל—װאָס איז געבליבען?

משה

איהר װילט װיסען, װאָס ס׳איז געבליבען? װאָס האָט גע־קאָנט בּלייבען?.. איהר װעט דען פערקױפען ס׳דאָרף מיט זיבען טויזענט רובל װעניגער װי פאַר אַ יאָהרען?.. ער רעדט—װאָס אַרט עס אייך?.. מיך אַרט עס עפּיס?.. (בּעריזהיגט איהם) ס׳קאָסט איהם געלד—ברוך ער רעדען! איך דערמאָן איהם אָבער גלייך: „פּריץ, און דער װאַלד?" לאָזט ער אַרויס אַ געלעכטער: „ס׳איז עפּיס אַ װאַלד? בּייטשען! דער גרעסטער בוים קען טויגען אויף אַ לאַטע צו לעגען אונטער אַ שינדעל־דאַך; אויף אַ קראָקװע שוין נישט..." מילא... האָב איך איהם געװאָלט כאַפּען אויף דער װענדקע... װאָרום, ס׳האָט דאָך מיך שוין גוט געהאַט פער־דראָסען די גאַנצע מעשה, און האָב זאָלך איהם נישט געװאוסט:

וואו אַ שטאָך צו טהון אין דער לעבער, ביז כ'גיב איהם אַ זאָג: „פריץ, אַז דו ווייסט שוין אַלץ אַזוי אויף דער האָר, ביסטו דאָך שוין, אַ כּנים, געוועזן אויפ'ן הויף גופא?.. אַרומגעטאַפּט ווי אַ פערד־הענדלער—ס'פערד, און ווי אַ קצב—די בהמה?...

ר' ברוך

יאָ... יאָ...

משה

נו... נו... זאָלט איך אייך גאָר נישט אַריינמישען!.. געוואָרען אַביסעל צוקאָכט... גענומען שפריצען מיט'ן מויל... דאָס גאַנצע טרפה'נע דם איז איהם געקומען אין צורה אַריין... אַ כּנים—אַזוי ווי אַנ'אָבגעקאָכטער ראַק!.. איהר האָט שוין אַמאָל געזעהן אויף אַייער לעבען אַנ'אָבגעקאָכטען ראַק... און כ'האָב געמיינט: ער דורס'ט מיך אויפ'ן אָרט!.. גאָר נישט, ער שלינגט מיך איין און שפּייט מיך אויס אויף הונדערט מייל ווייטער!.. „גוואַלד, פריץ, וואָס האָב איך דאָ קעגען דיר געזינדיגט?..” און ער: „ווי אַ יוד האָט, קען האָבען אַ חוצפה און אַ העזה!..” איהר הערט?.. אַ ממזר־בּלבול!.. הכּלל, ער האָט זיך אָבגעקיהלט, דער כּעס איז איהם אָבגעגאַנגען, פרעג איך איהם גאַנץ געלאַסען: „פריץ, זיי מיר טויזענט מאָל מוחל, איין גאָט ווייסט: כ'האָב אָסור נישט געמיינט דיין כּבוד... נאָר—זאָג מיר דעם אמת, ביסט דאָך פאָרט נישט הי געוועזן גאַנצע צוויי טאָג?” „ער איז געוועזן—זאָגט ער—ביי אַ גרעפין”... מילא, ס'איז גלייך: אַ גראַף געהט צו אַ גרעפין... כ'פערשטעה: אַ פּילגש! און באמת, ווער ווייסט זיי?.. האָט ער, ווי ער אַליין זאָגט, געזאָלט זיין ביי אַ גרעפין—פון וואַנען ווייסט ער מיר אויסצורעכענען דעם צעטעל שבחים? ואם תמצא לומר, זאָל איך ווען זאָגען... טפו! האָב איהם אַכט־און־אַכטציג גוטע יאָהר, אַ גוי טאָר מען אויך נישט שעלטען—אויף אַזאַ פריץ איז אַלץ צו גלויבען! ווייניג, מיינט איהר, וויבער האָט דאָס? דער שטאַנגערעט זיינער האָט זיך פאַר מיר אַליין געשוואוירען: ער ווייסט פון זיבען! אַקעגען די זיבען טעג פו

דער וואָך, מסתמא... און אַ סברא— קעגען די שבעה מדורי גיהנום...

ר׳ ברוך

נו, יאָ, וואָס האָט עס אַ שייכות צום ענין?..

משה

מכּח נ׳ענין?.. יאָ, גיב איך איהם אַ פרעג: „פריץ, און די גאָספּאָדאַרסטווע?..“ ווערט ער אָנגעצונדען: „וואָס?.. די שטאַלען?.. סטאָדאָלעס?.. אויך מיר גבירים!“ הכלל, גערעדט אַהין, גערעדט אַהער,—ס׳איז מיט איהם גאָרנישט צו מאַכען... ער ריהרט זיך... אַזוי ווי אַ שטיין... און וואָס, מיינט איהר, האָב איך געטהון?.. הערט: „פריץ,—זאָג איך— ווי כ׳זעה, האָסטו קנאַפּ חשק צו קויפען, וועל איך אַריבערגעהן צו כראַביע בראַטינסקי...“ דערנאָטמאָל איז איהם שיער נישט גוט געוואָרען... כ׳האָב עס גלייך דערקענט ביי איהם אונטער די אויגען... הגם, צווישען אונז זאָל מס בלייבען, עס זאָל ווייטער נישט קומען—איז די גאַנצע מעשה מיט׳ן כראַביע נישט געשטויגען נישט געפלויגען, נאָר ווי אַזוי עמט מען אַזאַ חברה־מאַן אין חדר אַריין?.. אַז כ׳ווייס, זיי זאָלען זיך בלוט־שונאים דידזשיגע צוויי פריצים?..

ר׳ ברוך

און וואָס האָט איהר אויסגעפיהרט?..

משה

גאָרנישט! לעת־עתה—דערלעגט האָט ער נישט! נאָר איך בין זיכער: אַז ער וועט דערלעגען!.. ווייל איידער איך בין נאָך אָוועקגעגאַנגען—האָט ער זיך געהאַלטען ביי ס׳זייביגע, האָב איך מיר געטראַכט: „טי מאָוו, אַ יאַ—זדראָוו“, און גענומען ג׳דרך!.. נישט אָבגעגאַנגען קיין צעהן טריט, לויפט מיר שוין נאָך דער שטאַנגערעט: „כ׳זאָל מאָרגען אַריבערקומען!..“ נו, ווי פאַרשטעהט איהר אַצינד ס׳קטורת?.. אַ, וועט איהר מיך פרעגען:

„פאַרוואָס ער האָט מיך באַלד נישט צוריק גערופען? זאָל איך זאָגען: „ער וויל זיך נעמען אויף אַ ישוב מיט'ן ווייב?" ווי זאָגט דער שטאַנגאַרעט: „ער האָט ווייבער ווי יתרו—גענומען!" נאָר ס'איז נישט קיין חלוק: דאָס, זעהט איהר, זיצט איהם איצט ווי אַ גרעט אין האַלז... כ'פערשטעה: ער וואָלט זיך ליבער געלאָזט אַרויסנעמען צוויי ציין, ווי הערען זיין נאָמען... אַציגד וועט ער געבען... כ'זאָל אַזוי בטוח זיין צו הערען שופר של משיח, ווי איך בין בטוח—ער וועט דערלעגען! און אַלץ דער אויפטהו מיט'ן כראַביע בראַטינסקי, מיין אויסטהו! אַ יוד האָט שוין, לכתחילה, אויף אלעס אַנ'אויפטהו... אָט דאָס קען אַ יוד!

ר' ברוך

מילא, ס'איז זיך נישטאָ אַזוי מצער צו זיין... אַז מ'וועט לעבען, וועט זיין אַ רעכטער קונה אויך...

משה

יאָ!.. אַקעגען וואָס זאָג איך אייך דאָס? אַקעגען דעם, וואָס נחום מעקלער הערט אייך נישט אויף אָנצודולען אַ מוח, און זאָגט אייך צו הרים וגבעות, עפּיס פון אַ קונה מיט מיליאָנען, זאָלט איהר וויסען: וויבאַלד ער געהט נאָר אַוועק פון אייער שטוב—מעגט איהר גלייך מאַכען די ברכה: על מצות שא־ושקר!.. וואָרום, ווי לאַנג נחום מעקלער מעקעלט—האָט ער נאָך נישט אויסגעמעקעלט קיין צורת מטבע פאַר זיינע אויגען! דאָס ווייב האָט איהם שוין דריי מאָל אַרויסגעוואָרפען פון שטוב!.. אמת, אַנ'אשה, אַנ'ארורה, אַזעלכע, וואָס שלמה המלך האָט אויף איהר געזאָגט: אשה רעה מר ממות—נאָר ראָס אייגענע צוריק געשמועסט: וואָס איז זי אינגאַנצען שולדיג? ער האָט אויך, זיי זאָלען איהם לעבען און געזונד זיין,—אודא, ניין שטיק אַזוי אין גע'הרג'עריי. אין רייסעניש, און מיט דיך־תורה'ס, און איין גאָט ווייסט ווי אַזוי! נאָר וואָס? אין רבונו של עולם'ס וועגען קען מען נישט פאַריינטראַכטען.., אַז ער גיט מיז מען מקבל זיין באהבה, וואָרום בעסער אַלץ אַז ער גיט,־ווו ער נעמט... כע... ר' ברוך, ווי שפּעט וועט זיין?

ר׳ ברוך

(קוקט אויפ׳ן זייגער)

צרום עלף...

משה

אדרוואַ! נאָך גאָר פריה... כ׳האָב געמיינט: אָרום חצות! ב׳ווייס נישט: אויב מיינע ווערים וועלען שוין דאָרטען ליגען אין דער היים און שווייגען... איך וואָלט נויטיג בעדאַרפט אַהיימגעהן און צוועקלעגען ס׳ביינטעל ביינער... אַנישט— וועל איך מיך מוזען צוזי אַרומדרעהען אודאי אַ גוטע שעה אויף דער גאַס, אונטער די מויערן, ביז ס׳קליינוואָרג וועט כאַפּען אַ בלעט... צי מ׳קען בעקומען אַ שטיין אין קאָפּ? מאַ, אויף דעם איז מען דאָך אַ יוד! מוז מען דאָך פיהלען טעם־גלות!

הכלל, ר׳ ברוך, געדענקט זשע, ווי מיר האָלטען אין דער בעלט! וואָרום, אומאויסגערעדט, קומט אַהער נחום מעקלער, און ס׳זאָל זיך אַזוי נישט טרעפען ווי עס טרעפט זיך יאָ,— דער שלימזל דרעהט זיך ביי איהם איבער, און ער איז מצליח? איז, לחצאין,—נישט אַנדערש; כ׳פערשטעה: דאָס איהר, ר׳ ברוך, וועט צו דעם קיין טענה נישט האָבען! און קיין דין־תורה אודאי נישט! און אייגענטליך, צו וואָס? מ׳זענען דאָך יודען! נאָר גליי־כער: איהר זאָלט איהם נישט גרילבען כי־הוא־זה... מאָרגען פריה כאַפּ איך מיך אַריבער צום פריץ, און פון איהם גלייך צהערצוצו צו אייך... האָט נישט קיין פּאַרזאָרגעל, ר׳ ברוך—באָרגט מיר דערווייל עטליכע קערבלע...ך וואָרום,ס׳קען דאָך זיין געמאָלט, איך זאָל קומען אַהיים—זאָל נאָך חברה נישט הלום׳ן פון קיין שלאָף, און איך זאָל האָבען פערדינט אַ שטיין אין קאָפּ? (בעקומט) נו, אויב אַזוי, וועט עס זיין אַ גוטע התחלה. פונצוריק געבען איז דאָך אָבגערעדט... איך בין בטוח: צו, איהר וועט מיר נאָך ברכ׳נען דערלעגען ביז עטליכע מאות... אַ גוטע נאַכט...

ר׳ ברוך

אַ גוטע נאַכט...

פערלאג א. ניטלין

אנאטאל פראנס

געטער זענען דורשטיג

יודיש: א. איינהארן.

אנאטאל פראנס ווערט געהאלטען פאר איינעם פון די גרעסטע קינסטלער אין דער וועלט-ליטעראטור. זיין ראמאן „געטער זענען דורשטיג״ געהערט צו יענע אונשטערבליכע ווערק, וואס זיינע געשטאלטען, בילדער און שילדערונגען לעבען ממש פאר דעם לעזערס אויגען, און דער לעזער האט דעם איינדרוק, ווי ער אליין וואלט זיך בעטייליגט אין דעם אלעם, וואס ווערט אזוי מייסטערהאפט געשילדערט אינ׳ם ראמאן.

די ערשיינונג פון אזא ראמאן אין יודיש וועט זיכער דערפרעהען יעדען יודישען לעזער, פונקט ווי עס דערפרעהט יעדען לעזער פון אנ׳אנדער פאלק, ווען אזא קאלאסאל ווערק ווערט איבערגעזעצט אין זיין שפראך.

צוויי בענדער

עלעגאנט ארויסגעגעבען

פֿערלאַג א. גיטלין

מ. י. לערמאָנטאָוו

דער העלד פֿון אונזער צייט

יודיש: ד. קאַסעל.

דער יודישער לעזער איז נאָך גאָרנישט בעקאַנט מיט דעם גרויסען דיכטער מ. י. לערמאָנטאָוו, וואָס איז אַזוי יונג און טראַגיש אויסגעשטאָרבען, מיטנעהמענדיג מיט זיך אין קבר אַריין זיין מעכטיגען טאַלענט. אָבער דאָס, וואָס לערמאָנטאָוו האָט איבערגעלאָזט, איז שוין גענוג, אַז זיין נאָמען זאָל בלייבען אונשטערבליך. און אונשטערבליך איז זיין ראָמאַן „דער העלד פֿון אונזער צייט", וואָס לייענט זיך ווי אַ ליעד און וואָס פאַקט דעם לעזער מיט זיין טיעפֿען געדאַנק, מיט זיין צאַרטער מעלאַנכאָליע און שטילען ריין. אַזאַ ראָמאַן ווערט געלייענט און איבער־געלייענט און יעדעס מאָל געפֿינט מען אין איהם נייע שטריכען און נייע געדאַנקען, ווי אַ קוואַל, וואָס ווערט קיינמאָל נישט אויסגעשעפּט

עלעגאַנט אויסגעגעבען